# דעם רבינ'ס מעשיות

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

**מעשה ב'**
**ממלך וקיסר (2)**
**גליון 46**

## שַׁבַּת שָׁלוֹם, יְלָדִים יְקָרִים!

**בְּהֶמְשֵׁךְ הַמַּעֲשֶׂה** הַשָּׁבוּעַ, רַבֵּנוּ מְסַפֵּר עַל מֶלֶךְ אֶחָד, שֶׁבָּנָה פַּלְטִין עַל הַיָּם. נִשְׁמַע נִפְלָא, אַרְמוֹנוֹת עַל חוֹף הַיָּם, וְרוּחַ הַיָּם נוֹשֶׁבֶת בַּחַלּוֹנוֹת.... **וּבַת הַקֵּיסָר** רוֹאָה אֶת הַפַּלְטִין וְאָכֵן מַתְחִילָה לְהִתְקָרֵב עִם הַסְּפִינָה אֶל הָאַרְמוֹן. אַךְ אָז הִיא מִתְיַשֶּׁבֶת בְּדַעְתָּהּ, לָמָּה לִי פַּלְטִין??? לָמָּה אֲנִי צְרִיכָה אַרְמוֹן עַכְשָׁו, (מֵאֵיפֹה הָרַעְיוֹן הַזֶּה הִגִּיעַ?) וְהִיא מִסְתּוֹבֶבֶת בַּחֲזָרָה, וּמַתְחִילָה לְהִתְרַחֵק מֵהַפַּלְטִין, אַךְ אָז, **הַמֶּלֶךְ** כְּבָר שׁוֹלֵחַ אַחֲרֶיהָ, לְתָפְסָהּ...

**כְּשֶׁרַבֵּנוּ** מְסַפֵּר עַל מֶלֶךְ, לִפְעָמִים זֶה מְרַמֵּז עַל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. אַךְ לִפְעָמִים יֵשׁ גַּם הָפוּךְ, שֶׁזֶּה מְרַמֵּז עַל **מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל**, שֶׁזֶּה הַיֵּצֶר הָרַע וְחֵילוֹתָיו, שֶׁכָּל עִנְיָנוֹ וְתַכְלִיתוֹ זֶה רַק אֵיךְ לִתְפֹּס אֶת הָאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי בִּמְצוּדָתוֹ, לְרַחֵק אוֹתוֹ מֵה' יִתְבָּרַךְ, וְהוּא מוּכָן לַעֲשׂוֹת הַכֹּל בִּשְׁבִיל זֶה: - **לִבְנוֹת אַרְמוֹנוֹת עַל הַיָּם**, וּבְהֶמְשֵׁךְ גַּם **פַּלְטִין מְיֻחָד** לְבַת הַקֵּיסָר, וַאֲפִלּוּ **אַחַד עָשָׂר אַרְמוֹנוֹת** לְכָל הַבָּנוֹת שָׂרִים, **וְשֶׁיָּשִׁירוּ לָהּ וִיזַמְּרוּ לָהּ בִּכְלֵי שִׁיר**. אֵיזֶה הֶפְקֵר, כַּמָּה הַשְׁקָעָה, בִּשְׁבִיל מָה? בִּשְׁבִיל לִתְפֹּס אֶת **בַּת הַקֵּיסָר** (הָאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי) בִּמְצוּדָתוֹ!

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ** הָיוּ מְלַמְּדִים מִזֶּה מוּסָר, עַד כַּמָּה הַבַּעַל דָּבָר אוֹרֵב לָנוּ, לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, לִתְפֹּס אוֹתוֹ בַּשַּׂק שֶׁלּוֹ. הוּא מוּכָן לָתֵת לְאֶחָד **עֲשִׁירוּת גָּדוֹל**, שֶׁיִּפֹּל ח"ו לְתַאֲוַת מָמוֹן עַל יְדֵי זֶה, אוֹ בִּשְׁבִיל שֶׁאֲחֵרִים יִתְקַנְּאוּ בּוֹ, וְיִפְּלוּ מֵעֲבוֹדָתָם, וְיֵשׁ שֶׁהַיצה"ר מֵבִיא לָהֶם **הַצְלָחוֹת גְּדוֹלוֹת**, אַךְ הַהַצְלָחָה מְבִיאָה אוֹתָם לְגַאֲוָה וְהִתְנַשְּׂאוּת עַל אֲחֵרִים, וְעוֹד כַּיּוֹצֵא בָּזֶה, כָּל אֶחָד לְפִי עִנְיָנוֹ. וּכְדַאי לִזְכֹּר זֹאת, שֶׁיֵּשׁ אוֹיֵב שֶׁעוֹמֵד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ ח"ו, וְצָרִיךְ הַרְבֵּה **תְּפִלָּה, וּצְעָקָה לַה' יִתְבָּרַךְ**, שֶׁיַּצִּילֵנוּ מִיָּדָיו.

וּכְמוֹ **שֶׁבַּת הַקֵּיסָר** בָּרְחָה מֵהַמֶּלֶךְ **בְּתַחְבּוּלוֹת**, כָּךְ גַּם אָנוּ צְרִיכִים עֵצוֹת וְתַחְבּוּלוֹת כְּדֵי לְהִנָּצֵל **מֵהַמֶּלֶךְ הַזָּקֵן וְהַכְּסִיל** הַזֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **"בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה"** (משלי כ"ד, ו') לְיַשֵּׁב דַּעְתֵּנוּ הֵיטֵב, וְלִמְצֹא **תַּחְבּוּלוֹת**, אֵיךְ לְהִמָּלֵט מֵהַיֵּצֶר הָרַע, שֶׁרוֹצֶה לְהַכְשִׁילֵנוּ. - לְמָשָׁל **בְּהִתְבּוֹדְדוּת**, שֶׁהַיֵּצֶר הָרַע לוֹחֵשׁ לָנוּ, אֵין לִי זְמַן, אֵין לִי מִלִּים וְכַדּוֹמֶה, אָז אוֹמְרִים לוֹ: **אֲנִי רוֹצֶה לְדַבֵּר עִם ה' יִתְבָּרַךְ רַק דַּקָּה אַחַת! רַק מִלָּה אַחַת!**

וְכָךְ **בְּתַחְבּוּלוֹת** מוֹסִיפִים לְאַחַר מִכֵּן **עוֹד דַּקָּה וְעוֹד מִלָּה**, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְהוֹצִיא לַפֹּעַל כָּל חֶפְצֵנוּ **וּרְצוֹנוֹתֵינוּ הַטּוֹבִים**, בְּעֶזְרַת ה'.

*שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!*

(ליות חן)



## מַעֲשֶׂה ב – מִ'מֶּלֶךְ' וְ'קֵיסָר'

### – פֶּרֶק ג –
### הַ'מֶּלֶךְ' עִם הָ'אַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים'

**[א]** וַיְהִי הַיּוֹם! וְהָיָה מֶלֶךְ אֶחָד, וְהָיָה בּוֹנֶה לוֹ פַּלָטִין עַל הַיָּם, כִּי שָׁם הוּטַב בְּעֵינָיו לִבְנוֹת פַּלָטִין מֵחֲמַת אֲוִיר הַיָּם. וְהַסְּפִינוֹת הוֹלְכוֹת שָׁם.

וְהִיא (הַיְנוּ: הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל) הָיְתָה הוֹלֶכֶת עַל הַיָּם, וּבָאתָה סָמוּךְ לַפַּלָטִין שֶׁל הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל. וְהַמֶּלֶךְ הִבִּיט וְרָאָה סְפִינָה בְּלִי מַנְהִיגִים, וְאֵין שָׁם אֲנָשִׁים, וְסָבַר שֶׁהוּא טוֹעֶה עַצְמוֹ. וְצִוָּה לַאֲנָשָׁיו: שֶׁיִּסְתַּכְּלוּ. וְרָאוּ גַּם־כֵּן כֵּן. וְהִיא נִתְקָרְבָה אֶל הַפַּלָטִין. אַחַר־כָּךְ הִתְיַשְּׁבָה עַצְמָהּ: לָמָּה לָהּ הַפַּלָטִין? וְהִתְחִילָה לַחֲזֹר. וְשָׁלַח הַמֶּלֶךְ, וְהֶחֱזִירָהּ, וֶהֱבִיאָהּ לְבֵיתוֹ.

וְהַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל לֹא הָיָה לוֹ אִשָּׁה, כִּי לֹא הָיָה יָכוֹל לִבְרֹר לוֹ, כִּי מִי שֶׁהָיָה רוֹצֶה, לֹא רָצְתָה הִיא, וְכֵן לְהֵפֶךְ.

וּכְשֶׁבָּאתָה לְשָׁם הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל, אָמְרָה לוֹ: שֶׁיִּשָּׁבַע לָהּ, שֶׁלֹּא יִגַּע בָּהּ עַד שֶׁיִּשָּׂאֶנָּה כַּדָּת. וְנִשְׁבַּע לָהּ. וְאָמְרָה לוֹ: שֶׁרָאוּי שֶׁלֹּא יִפְתַּח אֶת הַסְּפִינָה שֶׁלָּהּ וְלֹא יִגַּע בָּהּ, רַק שֶׁתַּעֲמֹד כָּךְ עַל הַיָּם עַד הַנִּשּׂוּאִין, וְאָז יִרְאוּ הַכֹּל אֶת רִבּוּי הַסְּחוֹרָה שֶׁהֵבִיאָה, לְבַל יֹאמְרוּ: שֶׁלָּקַח אִשָּׁה מִן הַשּׁוּק. וְהִבְטִיחַ לָהּ כֵּן.

**[ב]** וְהַמֶּלֶךְ כָּתַב לְכָל הַמְּדִינוֹת: שֶׁיִּתְקַבְּצוּ וְיָבוֹאוּ עַל הַחֲתֻנָּה שֶׁלּוֹ, וּבָנָה פַּלָטִין בִּשְׁבִילָהּ. וְהִיא צִוְּתָה: שֶׁיָּבִיאוּ לָהּ אַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים שֶׁיִּהְיוּ עִמָּהּ.

וְצִוָּה הַמֶּלֶךְ: וְשָׁלְחוּ לָהּ אַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים גְּדוֹלִים מְאֹד, וּבָנוּ לְכָל אַחַת פַּלָטִין מְיֻחָד, וְהִיא הָיְתָה לָהּ גַּם־כֵּן פַּלָטִין מְיֻחָד. וְהָיוּ מִתְקַבְּצוֹת אֵלֶיהָ, וְהָיוּ מְזַמְּרוֹת בִּכְלֵי־שִׁיר, וּמְשַׂחֲקִים שָׁם עִמָּהּ.

פַּעַם אַחַת אָמְרָה לָהֶם: שֶׁתֵּלֵךְ עִמָּהֶם עַל הַיָּם, וְהָלְכוּ עִמָּהּ, וְהָיוּ מְשַׂחֲקִים שָׁם. וְאָמְרָה לָהֶם: שֶׁתְּכַבֵּד אוֹתָם בְּיַיִן טוֹב שֶׁיֵּשׁ לָהּ. וְנָתְנָה לָהֶם מֵהַיַּיִן שֶׁבַּסְּפִינָה, וְנִשְׁתַּכְּרוּ וְנָפְלוּ וְשָׁכְבוּ. וְהָלְכָה וְהִתִּירָה הַסְּפִינָה, וּפֵרְשָׂה הַוִּילוֹנוֹת, וּבָרְחָה עִם הַסְּפִינָה.

**[ג]** וְהֵם (הַיְנוּ: הַמֶּלֶךְ וַאֲנָשָׁיו) הֵצִיצוּ וְרָאוּ: שֶׁהַסְּפִינָה אֵינֶנָּה. וְנִבְהֲלוּ מְאֹד. וְאָמַר הַמֶּלֶךְ: הִזָּהֲרוּ שֶׁלֹּא לְהַגִּיד לָהּ פִּתְאֹם, כִּי צַעֲרָהּ יִהְיֶה גָּדוֹל מְאֹד עַל סְפִינָה יְקָרָה כָּזוֹ (כִּי הַמֶּלֶךְ לֹא הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהִיא בְּעַצְמָהּ בָּרְחָה עִם הַסְּפִינָה, וְהָיָה סָבוּר שֶׁהִיא עֲדַיִן בְּחַדְרָהּ). גַּם אוּלַי תִּסְבֹּר: שֶׁהַמֶּלֶךְ נָתַן לְאֶחָד אֶת הַסְּפִינָה. רַק יִשְׁלְחוּ אֶת שָׂרָה אַחַת מֵהַבְּנוֹת־שָׂרִים הַנַּ"ל, לְהַגִּיד לָהּ בְּחָכְמָה.

וְהָלְכוּ לְחֶדֶר אֶחָד, וְלֹא מָצְאוּ אָדָם, וְכֵן לְחֶדֶר שֵׁנִי, וְכֵן לְכָל הָאַחַד־עָשָׂר חֲדָרִים, וְלֹא מָצְאוּ אָדָם. וְהִסְכִּימוּ: לִשְׁלֹחַ בַּלַּיְלָה שָׂרָה זְקֵנָה לְהַגִּיד לָהּ. וְהָלְכוּ לְחַדְרָהּ, וְלֹא מָצְאוּ אָדָם, וְנִבְהֲלוּ מְאֹד.

וַאֲבִיהֶן שֶׁל הַבְּנוֹת־שָׂרִים הַנַּ"ל, שֶׁהָיוּ רְגִילִים שֶׁיַּגִּיעוּ לָהֶם אִגְּרוֹת זֶה מִזֶּה, וְעַתָּה רָאוּ שֶׁהֵם שׁוֹלְחִים אִגְּרוֹת, וְאֵין לָהֶם שׁוּם אִגֶּרֶת מִבְּנוֹתֵיהֶם, עָמְדוּ הַשָּׂרִים וְנָסְעוּ בְּעַצְמָן לְשָׁם. וְלֹא מָצְאוּ אֶת בְּנוֹתֵיהֶם.

וְחָרָה לָהֶם מְאֹד, וְאָמְרוּ: לִשְׁלֹחַ אֶת הַמֶּלֶךְ (דְּהַיְנוּ: לְמָקוֹם שֶׁשּׁוֹלְחִין הַחַיָּבִים מִיתָה,

שֶׁקּוֹרִין: 'פַּארְשִׁיקְן'), כִּי הֵם הָיוּ הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה, אַךְ נִתְיַשְּׁבוּ: מֶה חָטָא הַמֶּלֶךְ שֶׁיִּתְחַיֵּב שִׁלּוּחַ, כִּי נֶאֱנַס בַּדָּבָר? – וְהִסְכִּימוּ: לְהַעֲבִירוֹ מִמַּלְכוּתוֹ וּלְגָרְשׁוֹ. וְהֶעֱבִירוּ אוֹתוֹ וְגֵרְשׁוּהוּ, וְהָלַךְ לוֹ.

[ד] וְהִיא (הַיְנוּ: הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל, שֶׁבָּרְחָה עִם הָאַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים) הָלְכָה עִם הַסְּפִינָה. אַחַר־כָּךְ נִנְעֲרוּ הַשָּׂרוֹת הַנַּ"ל (וְהִתְחִילוּ שׁוּב לְשַׂחֵק כְּמִקֹּדֶם, כִּי לֹא יָדְעוּ שֶׁהַסְּפִינָה כְּבָר הָלְכָה מִן הַסְּפָר), וְאָמְרוּ לָהּ: נַחֲזֹר! וְהֵשִׁיבָה לָהֶם: נִשְׁהֶה עוֹד כָּאן קְצָת.

אַחַר־כָּךְ עָמַד רוּחַ־סְעָרָה וְאָמְרוּ: נַחֲזֹר לְבֵיתֵנוּ! וְהוֹדִיעָה לָהֶם, שֶׁהַסְּפִינָה כְּבָר פֵּרְשָׁה מִן הַסְּפָר. וְשָׁאֲלוּ אוֹתָהּ עַל מֶה עָשְׂתָה כֵּן, וְאָמְרָה: שֶׁהָיְתָה יְרֵאָה פֶּן תִּשָּׁבֵר מֵחֲמַת הָרוּחַ־סְעָרָה, עַל כֵּן הֻכְרְחָה לְהַתִּירָהּ וְלִפְרֹשׂ הַוִּילָאוֹת.

[ה] וְהָיוּ הוֹלְכִים עַל הַיָּם (הַבַּת־קֵיסָר עִם הָאַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים הַנַּ"ל), וְהָיוּ מְזַמְּרִים שָׁם בִּכְלֵי־זֶמֶר. וּפָגְעוּ בְּפָלָטִין, וְאָמְרוּ לָהּ הַשָּׂרוֹת הַנַּ"ל: נִתְקָרֵב לְשָׁם! וְלֹא רָצְתָה, וְאָמְרָה: כִּי נִתְחָרְטָה עַל שֶׁנִּתְקָרְבָה אֵצֶל פָּלָטִין הַנַּ"ל (הַיְנוּ: עַל שֶׁנִּתְקָרְבָה לַפָּלָטִין שֶׁל הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל, שֶׁרָצָה לִשָּׂא אוֹתָהּ, כַּנַּ"ל).

## – פֶּרֶק ד –
## הַ'שְּׁנֵים־עָשָׂר גַּזְלָנִים'

[א] אַחַר־כָּךְ רָאוּ כְּמִין 'אִי הַיָּם', וְנִתְקָרְבוּ לְשָׁם. וְהָיוּ שָׁם שְׁנֵים־עָשָׂר גַּזְלָנִים, וְרָצוּ לְהָרְגָם. וְשָׁאֲלָה הִיא: מִי הַגָּדוֹל שֶׁבָּכֶם? וְהֶרְאוּ לָהּ. אָמְרָה לוֹ: מַה מַּעֲשֵׂיכֶם? אָמַר לָהּ: שֶׁהֵם גַּזְלָנִים.

אָמְרָה לוֹ: אַף אֲנַחְנוּ גַּזְלָנִים, רַק שֶׁאַתֶּם גַּזְלָנִים בַּגְּבוּרָה שֶׁלָּכֶם, וַאֲנַחְנוּ גַּזְלָנִים עַל־יְדֵי חָכְמָה, כִּי אָנוּ מְלֻמָּדִים בִּלְשׁוֹנוֹת וּבִכְלֵי־זֶמֶר, בְּכֵן מַה בֶּצַע כִּי תַּהַרְגוּ אוֹתָנוּ?! הֲלֹא טוֹב שֶׁתִּשְּׂאוּ אוֹתָנוּ לְנָשִׁים, וְיִהְיֶה לָכֶם גַּם הָעֲשִׁירוּת שֶׁלָּנוּ. וְהֶרְאֲתָה הִיא לָהֶם מַה שֶּׁבַּסְּפִינָה. וְנִתְרַצּוּ לִדְבָרֶיהָ.

וְהֶרְאוּ הַגַּזְלָנִים לָהֶם גַּם־כֵּן, כָּל הָעֲשִׁירוּת שֶׁלָּהֶם, וְהוֹלִיכוּ אוֹתָם בְּכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁלָּהֶם, וְהִסְכִּימוּ: שֶׁלֹּא יִהְיוּ נוֹשְׂאִים בְּבַת־אַחַת, כִּי אִם בָּזֶה אַחַר זֶה (הַיְנוּ: שֶׁכָּל הַגַּזְלָנִים הַנַּ"ל, לֹא יִהְיוּ נוֹשְׂאִים אֶת הַשְּׂרָרוֹת הַנַּ"ל כֻּלָּם בְּבַת־אַחַת, רַק הַנִּשּׂוּאִין שֶׁלָּהֶם יִהְיֶה בָּזֶה אַחַר זֶה). גַּם: שֶׁיִּבְרְרוּ לְכָל אֶחָד, שְׂרָרָה אַחַת, לְפִי הָרָאוּי לוֹ, הַגָּדוֹל לְפִי גָּדְלוֹ וְכוּ'.

[ב] אַחַר־כָּךְ אָמְרָה לָהֶם: שֶׁתְּכַבֵּד אוֹתָם בְּיַיִן טוֹב, נִפְלָא מְאֹד, שֶׁיֵּשׁ לָהּ בַּסְּפִינָה, שֶׁאֵינָהּ מִסְתַּפֶּקֶת מִמֶּנּוּ, רַק הוּא טָמוּן אֶצְלָהּ עַד יוֹם שֶׁיְּזַמֵּן לָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַזִּוּוּג שֶׁלָּהּ.

וְנָתְנָה לָהֶם הַיַּיִן בִּשְׁנֵים־עָשָׂר גְּבִיעִים, וְאָמְרָה: שֶׁכָּל אֶחָד יִשְׁתֶּה לְכָל אֶחָד מֵהַשְּׁנֵים־עָשָׂר, וְשָׁתוּ וְנִשְׁתַּכְּרוּ וְנָפְלוּ. וְאָמְרָה לְחַבְרוֹתֶיהָ הַנַּ"ל: לְכוּ וְשַׁחֲטוּ כָּל אַחַת אֶת בַּעֲלָהּ, וְהָלְכוּ וְשָׁחֲטוּ כֻּלָּם.

[ג] וּמָצְאוּ שָׁם עֲשִׁירוּת מֻפְלָג מְאֹד, שֶׁלֹּא הָיָה אֵצֶל שׁוּם מֶלֶךְ, וְהִסְכִּימוּ: שֶׁלֹּא לִקַּח נְחֹשֶׁת, וְלֹא כֶּסֶף, כִּי אִם זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת.

וְהִשְׁלִיכוּ מִן הַסְּפִינָה שֶׁלָּהֶם דְּבָרִים שֶׁאֵינָם חֲשׁוּבִים כָּל־כָּךְ, וְטָעֲנוּ כָּל הַסְּפִינָה עִם דְּבָרִים יְקָרִים: זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת שֶׁמָּצְאוּ שָׁם. וְהִסְכִּימוּ: שֶׁלֹּא לֵילֵךְ עוֹד מְלֻבָּשׁ כְּמוֹ נָשִׁים, וְתָפְרוּ לָהֶם בִּגְדֵי זְכָרִים, מַלְבּוּשֵׁי אַשְׁכְּנַז, וְהָלְכוּ עִם הַסְּפִינָה.

## פֶּרֶק ג – דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'עֶלֶעף פַּאנֶעס'

**[א]** וַיְהִי הַיּוֹם! אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט 'פַּאלַאצְן' אוֹיף דֶעם 'יַם'! – וָוארְן דָארְט אִיז אִים גֶעפֶעלְן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'אֲוִיר' [גוּטֶע לוּפְט] פוּן דֶעם 'יַם', אוּן [אוֹיךְ] מַחֲמַת [וַוייל] דִי 'שִׁיפְן' גֵייעֶן דָארְטְן!

אוּן דִי 'בַּת־קֵיסָר', אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'יַם'! אוּן אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט, צוּ דֶעם 'פַּאלַאץ' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אַ בְּלִיק גֶעטָאן, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "וִוי דִי 'שִׁיף' גֵייט אָן 'רוּדֶערְס' [פִּירֶערְס], אוּן עֶס אִיז דָארְט קַיין 'מֶענְטְשְׁן' נִישְׁט דָא"! – הָאט עֶר גֶעמֵיינְט [אַז עֶר אִיז זִיךְ טוֹעֶה [אַז אֶפְשַׁר אִיז יָא דָא 'מֶענְטְשְׁן' דָארְט]?! – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיינֶע 'מֶענְטְשְׁן': "[אַז] זֵיי זָאלְן קוּקְן"! – הָאבְּן זֵיי [אַזוֹי] אוֹיךְ גֶעזֶעהְן!

אוּן זִי אִיז נָאנְט גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'פַּאלַאץ' – הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "וָואס טוֹיג אִיר דֶער 'פַּאלַאץ'"?! – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן! – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט, אוּן מְ'הָאט זִי [אִיר] אוּמְגֶעקֶערְט צוּרִיק! אוּן עֶר הָאט זִי [אִיר] גֶעבְּרַאכְט, צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'וַוייבּ', וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ קְלוֹיבְּן [אוֹיסְקְלוֹיבְּן קַיין וַוייבּ] – וָוארְן דִי [דָאזִיגֶע פְרוֹי] וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, הָאט [זִי] אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט – אוּן אַזוֹי פַּארְקֶערְט אוֹיךְ!

וִוי דִי 'בַּת־קֵיסָר' אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אַז עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערְן, אַז עֶר זָאל זִי נִישְׁט אָנְרִירְן, בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען [חֲתוּנָה הָאבְּן] כַּדִין"! – הָאט עֶר אִיר גֶעשְׁוואוֹירְן!

הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אַז עֶס אִיז רֶעכְט [רִיכְטִיג], אַז עֶר זָאל נִישְׁט עֶפֶענֶען אִיר 'שִׁיף', אוּן זָאל זִי [אִיר] נִישְׁט אָנְרִירְן! – נָאר דִי 'שִׁיף' זָאל אַזוֹי שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם 'יַם', בִּיז אִין [צוּ] דֶער 'חֲתוּנָה'! כְּדֵי אַלֶע זָאלְן זֶעהְן דֶעמָאלְט, וִויפִיל 'סְחוֹרָה' זִי הָאט גֶעבְּרַאכְט – כְּדֵי מְ'זָאל נִישְׁט זָאגְן, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ 'אִשָּׁה' פוּן דֶעם 'מַארְק'"! – הָאט עֶר אִיר אַזוֹי צוּגֶעזָאגְט [מַבְטִיחַ גֶעוֶוען]!

**[ב]** אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ אַלֶע מְדִינוֹת: "אַז זֵיי זָאלְן אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה'"! – אוּן הָאט אוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט 'פַּאלַאצְן', פוּן [פַאר] אִירֶעט וֶועגְן!

אוּן זִי הָאט גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל אִיר בְּרֶענְגֶען 'עֶלֶעף פַּאנֶעס' [טֶעכְטֶער פוּן שָׂרִים], אַז זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין"! – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהֵייסְן [אַז מְ'זָאל אִיר בְּרֶענְגֶען דִי 'עֶלֶעף פַּאנֶעס']! – הָאט מֶען אִיר גֶעשִׁיקְט 'עֶלֶעף פַּאנֶעס', זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'שְׂרָרוֹת' [שָׂרִים'ס] טֶעכְטֶער"! – אוּן מְ'הָאט אוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט [פַאר] אִיטְלֶעכֶער [יֶעדְן פוּן זֵיי], אַ 'פַּאלַאץ' אַ בַּאזוּנְדֶערְן!

אוּן זִי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערְן 'פַּאלַאץ'! – אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ צוּ אִיר צוּם אוֹיף קוּמֶען [צוּנוֹיפְקוּמֶען]! פְלֶעגְן זֵיי שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי־שִׁיר'! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִיט אִיר גֶעשְׁפִּילְט!

אַמָאל הָאט זִי צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "זִי וִויל מִיט זֵיי גֵיין אוֹיף דֶעם 'יַם'"! – זֶענֶען זֵיי מִיט אִיר גֶעגַאנְגֶען! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט גֶעשְׁפִּילְט!

הָאט זִי צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין, מִיט 'גוּטְן־וַויין' וָואס זִי הָאט"! – הָאט זִי זֵיי גֶעגֶעבְּן, פוּן דֶעם 'וַויין' וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער 'שִׁיף'! – זֶענֶען זֵיי 'שִׁיכּוֹר' גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלְן, אוּן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן!

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אוֹיפְגֶעבּוּנְדְן דִי 'שִׁיף', אוּן הָאט צוּלָאזְט [צוּשְׁפְּרֵייט] דִי 'לַיילְוֶונְטְן', אוּן אִיז אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן מִיט דֶער 'שִׁיף'!

**[ג]** אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט זַיינֶע 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן], הָאבְּן אַ קוּק גֶעטָאן, אוּן הָאבְּן דֶערְזֶעהְן: "אַז

די 'שִׁיף' אִיז נִישְׁט דָא"! - זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "זֶעהְט, אַז אִיר [עֶטְס] זָאלְט אִיר פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] נִישְׁט זָאגְן, וָוארְן זִי וֶועט גְרוֹיס צַעַר הָאבְּן (וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט נִישְׁט גֶעוְואוּסְט "אַז זִי אַלֵיין אִיז אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן"! - עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: "[אַז] זִי אִיז אִין אִיר 'חֶדֶר' [צִימֶער]"!), אוּן זִי וֶועט מֵיינֶען, אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אֵיינֶעם אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט די 'שִׁיף'! - נָאר מֶען זָאל שִׁיקְן [צוּ] אִיר, אֵיינֶע פוּן די 'פַּאנֶעס', מֶען זָאל אִיר זָאגְן מִיט 'חָכְמָה'"!

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אֵיין 'חֶדֶר' [צִימֶער], אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפוּנֶען! - אוּן אַזוֹי אִין אַנְדֶערְן 'חֶדֶר', הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפוּנֶען! - אוּן אַזוֹי אִין אַלֶע 'עֶלֶעף חֲדָרִים' [צִימֶערְן], הָאט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפוּנֶען!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט זַיינֶע 'לַייט'): "אַז זֵיי זָאלְן אִיר שִׁיקְן בַּיינַאכְט, אַ אַלְטֶע 'שְׂרָרָה'סְטֶע, אַז זִי זָאל אִיר [דָאס] זָאגְן"! - אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִיר 'חֶדֶר' [פוּנֶעם 'בַּת-קֵיסָר'], הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפוּנֶען! - זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן!

דֶערְוַוייל [אַזוֹי-וַוי] די 'פֶּעטֶער' [טַאטֶעס] פוּן די 'פַּאנֶעס', הָאבְּן גֶעזֶעהְן [אַז] זֵיי הָאבְּן קַיין שׁוּם בְּרִיוו נִישְׁט [בַּאקוּמֶען] פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער! זֵיי [די טַאטֶעס] שִׁיקְן בְּרִיוו, אוּן מֶען שְׁרַייבְּט זֵיי גָאר נִישְׁט אָפּ [צוּרִיק]! - הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן [זֵיי] זֶענֶען אַלֶע גֶעפָארְן צוּ זֵיי, אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעפוּנֶען [קַיין] אֵיינֶעם פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער!

זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט דֶעם 'מֶלֶךְ' פַארְשִׁיקְן, וָוארְן זֵיי [די טַאטֶעס] זֶענֶען גֶעוֶוען די 'שָׂרֵי-מְלוּכָה'! - נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "וָואס אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' שׁוּלְדִיג, אַז עֶס זָאל אִים קוּמֶען [צוּ] פַארְשִׁיקְן, דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז דָאךְ אַ 'אוֹנֵס'"!

אִיז גֶעבְּלִיבְּן: "[אַז] מֶען זָאל אִים אָפְּזָאגְן פוּן דֶער 'מְלוּכָה', אוּן מֶען זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן"! - הָאט מֶען אִים מַעֲבִיר גֶעוֶוען [אָפְּגֶעזָאגְט פוּן די 'מְלוּכָה'], אוּן מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן! - אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

[ד] אוּן די 'בַּת-קֵיסָר' וָואס זִי אִיז אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶער 'שִׁיף'! - דֶערְנָאךְ הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט די 'פַּאנֶעס', אוּן הָאבְּן וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִיר צוּ שְׁפִּילְן, אַזוֹי-וַוי פְרִיעֶר! וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְואוּסְט, אַז די 'שִׁיף' אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'בָּארְטְן'!

נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעזָאגְט: "לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים"! - הָאט זִי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "לָאמִיר [זִיךְ] נָאךְ זוּמֶען [אוֹיפְהַאלְטְן] דָא אַבִּיסְל"! - דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַ 'שְׁטוּרֶעם-ווִינְט', הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים"! - הָאט זִי זֵיי אוֹיסְגֶעזָאגְט: "אַז די 'שִׁיף' אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'בָּארְטְן'"!

הָאבְּן זֵיי זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: "נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] הָאסְטוּ דָאס גֶעטָאן"?! - הָאט זִי גֶעזָאגְט: "[אַז] זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, טָאמֶער וֶועט די 'שִׁיף' צוּבְּרָאכְן וֶוערְן מֵחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'שְׁטוּרֶעם-ווִינְט', אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי גֶעמוּזְט אַזוֹי טָאן"!

[ה] זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'יָם', די 'בַּת-קֵיסָר' מִיט די 'עֶלֶעף פַּאנֶעס', אוּן פְלֶעגְן דָארְט שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי-זֶמֶר'!

אוּן [זֵיי] הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט אַ 'פַּאלַאץ'! - הָאבְּן די 'פַּאנֶעס' צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "לָאמִיר צוּגֵיין צוּ דֶעם 'פַּאלַאץ'"! - הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט! - זִי הָאט גֶעזָאגְט: "[אַז] זִי הָאט דֶערוֹיף אוֹיף חֲרָטָה, [אוֹיף] וָואס זִי אִיז צוּ יֶענֶעם 'פַּאלַאץ' צוּגֶעגַאנְגֶען", (דְהַיְינוּ: פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

## פֶּרֶק ד – דִי 'צְוֶועלְף גַזְלָנִים'

[א] דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן, אַזוֹי־וִוי אַ 'קֶענְפֶּע' [אִינְזְל] אוֹיף דֶעם 'יַם'! זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען אַהִין! – אִיז דָארְט גֶעוֶוען 'צְוֶועלְף גַזְלָנִים'! – הָאבְּן דִי 'גַזְלָנִים' גֶעוָואלְט זֵיי הַרְגֶ'עְנֶען!

הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְוִוישְׁן אַייךְ"? – הָאט מֶען אִיר גֶעוִויזְן! – הָאט זִי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז אֵייעֶר טָאן" [וָואס טוּט עֶטְס]"? – הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "[אַז] זֵיי זֶענֶען 'גַזְלָנִים'"!

הָאט זִי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען אוֹיךְ 'גַזְלָנִים' – נָאר אִיר זֶענְט 'גַזְלָנִים' מִיט אֵייעֶר 'גְבוּרָה', אוּן מִיר זֶענֶען 'גַזְלָנִים' מִיט 'חָכְמָה', וָוארְן מִיר זֶענֶען גֶעלֶערְנְט אִין 'לְשׁוֹנוֹת' [שְׁפְּרַאכְן], אוּן שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי־שִׁיר'! – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], וָואס וֶועט אִיר גֶעוִוינֶען [פַּארְדִינֶען], אַז אִיר וֶועט אוּנְז הַרְגֶ'עְנֶען? בֶּעסֶער נֶעמְט אוּנְז פַאר 'וַוייבֶּער', אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גְרוֹיס 'עֲשִׁירוּת' אוֹיךְ"! – אוּן [זִי] הָאט זֵיי גֶעוִויזְן, וָואס אִין 'שִׁיף' אִיז גֶעוֶוען (וָוארְן דִי 'שִׁיף' אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּן דֶעם 'בֶּן־הַסוֹחֵר', מִיט זֵייעֶר־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת)!

זֶענֶען דִי 'גַזְלָנִים' מְרוּצָה [בַּאוִוילִיגְט] גֶעוָוארְן צוּ אִירֶע רֵייד! – הָאבְּן זֵיי דִי 'גַזְלָנִים', אוֹיךְ גֶעוִויזְן זֵייעֶר 'עֲשִׁירוּת', אוּן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפִירְט [אַרוּמְגֶעפִירְט] אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע עֶרְטֶער [פְּלֶעצֶער]!

אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן צְוִוישְׁן זֵיי: "אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִי 'גַזְלָנִים'] אַלֶע מִיט אֵיינְמָאל, נָאר אֵיינֶער נָאךְ דֶעם [נָאכְן] אַנְדֶערְן! אוּן אַז מֶען זָאל אוֹיסְקְלוֹיבְּן [פַאר] אִיטְלֶעכְן [גַזְלָן] אֵיין 'פַּאנֶע', אַזוֹי־וִוי עֶס קֶער [פַּאסְט] צוּ אִים, אִיטְלֶעכְן נָאךְ [לוֹיט] זַיין גְרוֹיסְקֵייט נָאךְ"!

[ב] נָאכְדֶעם הָאט זִי צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין, מִיט 'זֵייעֶר־גוּטְן וַויין' וָואס זִי הָאט אִין דֶער 'שִׁיף', וָואס זִי נִיצְט גָאר דֶעם 'וַויין' נִישְׁט – נָאר דֶער 'וַויין' אִיז בַּיי אִיר בַּאהַאלְטְן, בִּיז גָאט וֶועט אִיר בַּאשֶׁערְן אִיר זִיווּג"!

הָאט זִי זֵיי גֶעגֶעבְּן דֶעם 'וַויין', אִין 'צְוֶועלְף בֶּעכֶערְס'! – אוּן הָאט גֶעהֵייסְן: "אַז אִיטְלֶעכֶער [גַזְלָן], זָאל טְרִינְקְן צוּ אַלֶע 'צְוֶועלְף' [פַּאנֶעס]"! – הָאבְּן זֵיי גֶעטְרוּנְקְן, אוּן זֶענֶען 'שִׁיכּוֹר' גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלְן!

הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי אִיבְּרִיגֶע 'פַּאנֶעס' [דָאס הֵייסְט: צוּ אַלֶע עֶלֶעף פַּאנֶעס]: "הַיינְט גֵייט, אוּן קוֹילֶעט [שֶׁעכְטְס] אִיטְלֶעכֶע אִיר 'מַאן'"! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶעקוֹילֶעט [אוֹיסְגֶעשָׁאכְטְן]!

[ג] אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעפוּנֶען, זֵייעֶר אַ גְרוֹיס 'עֲשִׁירוּת', וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם 'מֶלֶךְ'! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין 'קוּפֶּער' אוּן קַיין 'זִילְבֶּער', נָאר 'גָאלְד' אוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת' [דִימַאנְטְן אוּן בְּרִילְיַאנְטְן]"! – אוּן הָאבְּן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן דֶער 'שִׁיף', זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב! – אוּן הָאבְּן אָנְגֶעלָאדְן גָאר דִי 'שִׁיף', מִיט טֵייעֶרֶע זַאכְן, מִיט 'גָאלְד' אוּן 'אֲבָנִים־טוֹבוֹת', וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעפוּנֶען!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זֵיי זָאלְן שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטָאן וִוי 'וַוייבֶּער'"! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעגִיט 'מַאנְסְבִּילְשֶׁע' [מֶענֶערִ'ישֶׁע] קְלֵיידֶער, 'דֵייטְשׁ' [דֵייטְשׁ גֶעקְלֵיידְט]! – אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶער 'שִׁיף'!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די צווייטע מעשה ־ דער מלך און דער קיסר (2)

**א. פארוואס האט דער מלך געבויט פאלאצן אויפ'ן ים?**
- ☐ וועגן די לופט פון דער ים
- ☐ ווייל די שיפן גייען דארטן
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער מלך געזען אויפ'ן ים?**
- ☐ גרויסע כוואליעס
- ☐ אסאך שיפן וואס זענען אריבער
- ☐ א שיף אהן קיין רודערס

**ג. פארוואס האט דער מלך נישט געהאט א ווייב?**
- ☐ ווייל וועמען ער האט געוואלט האט זי נישט געוואלט, און אזוי אויך פארקערט
- ☐ ווייל ער האט קיינעם נישט געוואלט
- ☐ ווייל קיינער האט אים נישט געוואלט

**ד. וואס האט אים די בת קיסר געזאגט?**
- ☐ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט אנרורן די שיף
- ☐ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט נישט אנרורן די שיף ביז ער וועט איר נעמען כדת
- ☐ אז עס איז רעכט אז ער זאל נישט עפענען די שיף ביז די חתונה

**ה. וואספארא טעם האט זי געזאגט פארוואס ער זאל נישט עפענען די שיף?**
- ☐ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א פרוי פון מארק
- ☐ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א רייכע פרוי.
- ☐ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א חשובע פרוי

**ו. וואס האט דער מלך געבויט פאר די בת קיסר?**
- ☐ פאלאצן
- ☐ גארנישט
- ☐ א גרויסע שיף

**ז. וויפיל פאנעס האט זי געהייסן ברענגען?**
- ☐ צען
- ☐ עלעף
- ☐ צוועלעף

**ח. וואס האט מען געבויט פאר די פאנעס?**
- ☐ איין פאלאץ פאר אלע צוזאמען
- ☐ א עקסטערע פאלאץ פאר יעדע איינע
- ☐ מ'האט גארנישט געבויט פאר זיי

**ט. וואס האבן די פאנעס געטון ביי די בת קיסר?**
- ☐ זיי פלעגן שפילן אויף כלי שיר
- ☐ זיי האבן זיך מיט איר געשפילט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זי געטון נאכדעם וואס די פאנעס זענען געווארן שיכור?**
- ☐ זי איז צוריק צו איר פאלאץ
- ☐ זי איז איינגעשלאפן צוזאמען מיט זיי
- ☐ זי האט אויפגעבינדן די שיף און אנטלאפן מיט דער שיף

**יא. האט מען געטראפן די פאנעס אין זייערע פאלאצן?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר פינעף

**יב. וואס האבן געטון די טאטעס פון די פאנעס ווען זיי האבן נישט געטראפן זייערע טעכטער?**
- ☐ זיי זענען געגאנגען זיי זוכן אויפ'ן ים
- ☐ זיי האבן פארשיקט דעם מלך
- ☐ זיי האבן אפגעזאגט דעם מלך פון די מלוכה

**יג. וויפיל גזלנים האבן די בת קיסר און די פאנעס געטראפן אויפ'ן ים?**
- ☐ צוועלעף
- ☐ צען
- ☐ עלעף

**יד. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר די גזלנים?**
- ☐ ענק זענען גזלנים מיט גבורה
- ☐ אונז זענען גזלנים מיט חכמה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס האבן זיי געטון נאכדעם וואס די גזלנים זענען געווארן שיכור און איינגעשלאפן?**
- ☐ זיי זענען אנטלאפן מיט די שיף
- ☐ זיי האבן זיי אלע אויסגעקוילעט
- ☐ זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון

**טז. וועלכע בגדים האבן זיי נאכדעם אנגעטון?**
- ☐ קליידער פון צרפת
- ☐ קעניגליכע קליידער
- ☐ מאנסבילשע קליידער דייטש

**און דו בן מלך קום אהער לאמיר אהיים פאהרן - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף,
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

**צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ב׳ - ממלך וקיסר (2)

**א. למה בנה המלך פלטין על הים?**
- ❑ מחמת אויר הים
- ❑ מחמת שהספינות הולכות שם
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ב. מה ראה המלך על הים?**
- ❑ גלים גדולים
- ❑ הרבה ספינות עוברות שם
- ❑ ספינה בלי מנהיגים

**ג. למה לא היה למלך הנ"ל אשה?**
- ❑ כי מי שהיה רוצה לא רצתה היא, וכן להיפך
- ❑ כי לא רצה שום אשה
- ❑ כי אף אשה לא רצתה אותו

**ד. מה אמרה בת הקיסר למלך הנ"ל?**
- ❑ שישבע לה שלא יגע בספינה לעולם
- ❑ שישבע לה שלא יגע בספינה עד שישאנה כדת
- ❑ שראוי שלא יפתח הספינה שלה, ולא יגע בה עד הנישואין

**ה. למה אמרה לו הבת קיסר שלא יגע בספינה?**
- ❑ לבל יאמרו שלקח אשה מן השוק
- ❑ לבל יאמרו שלקח אשה עשירה
- ❑ לבל יאמרו שלקח אשה חשובה

**ו. מה בנה המלך לבת קיסר?**
- ❑ פלטין בשבילה
- ❑ לא בנה לה כלום
- ❑ בנה לה ספינה גדולה

**ז. כמה בנות שרים צותה בת הקיסר שיביאו לה?**
- ❑ עשרה
- ❑ אחד עשר
- ❑ שנים עשר

**ח. מה בנו לבנות השרים?**
- ❑ לכולם ביחד פלטין גדול
- ❑ לכל אחת פלטין מיוחד
- ❑ לא בנו להם כלום

**ט. מה היו עושים הבנות השרים אצל בת הקיסר?**
- ❑ היו מזמרות בכלי שיר
- ❑ היו משחקים שם עמה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**י. מה עשתה בת הקיסר אחרי שנשתכרו הבנות ושכבו?**
- ❑ חזרה לפלטין שלה
- ❑ גם שכבה עמהם
- ❑ התירה הספינה ופרשה וילונות וברחה עם הספינה

**יא. האם מצאו את הבנות השרים בפלטין שלהם?**
- ❑ כן
- ❑ לא
- ❑ מצאו רק חמישה

**יב. מה עשו אביהם של הבנות כשלא מצאו אותם?**
- ❑ חפשו אותם על הים
- ❑ שלחו את המלך להיכן ששולחים החייבים מיתה
- ❑ העבירו את המלך ממלכותו וגרשו אותו

**יג. כמה גזלנים מצאו הבת קיסר והבנות על הים?**
- ❑ שנים עשר גזלנים
- ❑ עשרה גזלנים
- ❑ אחד עשרה גנבים

**יד. מה אמרה הבת קיסר לגזלנים?**
- ❑ שאתם גזלנים בגבורה שלכם
- ❑ שאנחנו גזלנים על ידי חכמה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**טו. מה עשו הבת קיסר והבנות אחרי שהגזלנים שתו ונשתכרו ונפלו?**
- ❑ ברחו להם עם הספינה
- ❑ שחטו את כל הגזלנים
- ❑ זרקו אותם לים

**טז. איזה בגדים הלכו להם מעכשיו הבת קיסר והבנות?**
- ❑ בגדי צרפת
- ❑ בגדי מלכות
- ❑ בגדי זכרים

**ואתה בן המלך נלכה ונסעה ושבו לביתם - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com